וויסן, וואָס עס ווערט גערעדט? איר וועט דאָך
10 רעדן (סתם) אינדערלופטן· עס זענען פאַראַן ווער
ווייס וויפל מינים קולות אין דער וועלט, און קיינס
11 איז נישט אָן אַ זין· ווען דעריבער איך ווייס נישט
די באַטייטונג פון דעם קול, וועל איך זיין פאַר
דעם רעדנער אַ פרעמדער, און דער רעדנער
12 וועט פאַר מיר זיין אַ פרעמדער· אויך אַזוי
איר, ווייל איר אייפערט אַזוי נאָך רוחניותדיקע
מתּנות, זוכט, אַז איר זאָלט האָבן אַ שפע פאַר דער
13 אויפבויאונג פון דער קהלה· דערפאַר זאָל דער,
וואָס רעדט אויף אַ לשון, תּפילה־טון, אַז ער זאָל
14 פאַרטייטשן· וואָרום אויב איך בין מתפּלל אויף אַ
לשון, איז מיין גייסט מתפּלל, מיין פאַרשטאַנד אָבער
15 בלייבט אָן פּירות· ווי זשע זאָל עס זיין? איך
וועל תּפילה־טון מיט דעם גייסט, און וועל
אויך תּפילה־טון מיטן שכל; איך וועל זינגען
מיט דעם גייסט, און וועל אויך זינגען מיטן
16 פאַרשטאַנד· ווייל ווען דו מאַכסט אַ ברכה מיטן
גייסט, וויאַזוי וועט דער, וועלכער פאַרנעמט
דאָס אָרט פון אַ נישט־געלערנטן, זאָגן אָמן אויף
דיין ברכה? ער ווייסט דאָך נישט וואָס דו זאָגסט·
17 וואָרום דו מאַכסט טאַקע אַ ברכה ווי עס געהער צו
זיין, נאָר דער אַנדערער איז נישט אויפגעבויט·
18 איך דאַנק ג־ט, אַז איך רעד מיט לשונות מער ווי
19 איר אַלע; נאָר אין דער קהלה וויל איך (ליבער)
רעדן פינף ווערטער מיט מיין פאַרשטאַנד, כּדי
איך זאָל אויך אַנדערע לערנען, ווי צען טויזנט
ווערטער אויף אַן (אומבאַקאַנט) לשון·
20 ברידער, זייט נישט קיין קינדער מיטן פאַרשטאַנד;
נאָר וואָס שייך בייז זייט זייגעדיקע קינדער,
מיטן פאַרשטאַנד אָבער דערוואַקסענע (מענטשן)·